

פערטער יאָרגאַנג · מערץ · 1958

א י נ ה א ל ט :

א. טאַבאַטשניק
שמואל איזבאַן
ד. ל. מעקלער
חיים פידערער
מ. קראַוועץ
ת. איאַלטי
הערשל מילער
ע. פערשלייסער
יעקב אַפּטייקער
גיטל ציטרין
לייב מונים
לאה יאָרוס

פון די אומגעבראַכטע דיכטער:
מרים אוליאַנאָווער
הירש גליק

ל. ראַזאַף
נחמן לייב

פערטליאַר-שריפט
פאַר ליטעראַטור

נ ו מ ע ר
15

רעדאַקטירט פון
אַ קאָלעגיע

פּרייז 50 סענט

200

ZEIN

A Quarterly Literary Publication
Edited by a Group

Vol. IV — March, 1958 — No. 15

א. טאַבאַטשניק

# א. לוצקי

דער דיכטער אַ. לוצקי, וואָס איז אַזוי פּלוצים אַוועקגעכאַפּט געוואָרן ביי זיין פאַמיליע, זיינע קאָלעגן און פילצאָליקע לייענער זיינע, וואָס האָבן אים געשעצט און פאַרערט, איז געווען אַזוי אייגנאַרטיק און פאַרשיידנאַרטיק, אַז אין אַ נעקראָלאָג איז, נאַטירלעך, ניט שייך אַלץ צו באַרירן.

איך וויל זיך דעריבער אָפּשטעלן אויף דעם, וואָס מיר שיינט איז דאָס מער פּאָעטישע, מער ריין-לירישע אין זיין שאַפן. דערמיט מיין איך, נאַטירלעך, ניט אַוועקצומאַכן די הונדערטער אַנדערע לידער זיינע, וואָס זיינען אפשר ניט געווען אַזוי פּאָעטיש-קאָנצענטרירט, ווי די לידער, וואָס זיינען צו אים געקומען אין די „אויפגעלויכטענע מינוטן", ווי ער אַליין האָט אָנגערופן די טיפערע און מער אינספּירירטע מאָמענטן אין זיין שאַפן.

אויך אין די אַנדערע, ניט דורכאויס פּאָעטיש-רעאַליזירטע לידער, האָט לוצקי געקענט אַ בליץ-טאָן מיט אַ געדאַנק, אַ טרעפלעכן זאָג, אַן אָריגינעלן פּסוק פון דורכדרינגלעכער דערקענטעניש און פאַרשטענדעניש, וואָס זאָלן אַ וואָרף-טאָן אַ נייעם שיין אויף אַ זאַך. אַפילו אין אַ ניט-געלונגענעם פּראָזאַאישן ליד, האָט מען ביי לוצקין געקענט טרעפן אַ פּאָר קאָמפּאַקטע שורות, פול מיט חכמה און הומאָר, וואָס זאָלן פאַר אונדז אַנטפּלעקן אַ זאַך, אָדער אַ מענטשן אין זייער תמציתדיקייט, אין זייער כאַראַקטעריסטישער וועזנטלעכקייט. חוץ אַלעמען איז לוצקי געווען אַ שאַרפער אָבזערוואַטאָר און מענטשן-קענער. ספּעציעל פאַרדינען לוצקיס אימפּראָוויזאַציעס און וואָרט-אינסצעניזירונגען, אַז מען זאָל זיך אויף זיי לענגער אָפּשטעלן.

אויב איך טייל אָבער אויס זיין ליריק איז ווייל זי שטעלט מיט זיך פאָר ניט נאָר אַ נייעם אופן פון וואָרט-שאַפונג, ניט נאָר אַן אָריגינעלן אופן פון פאַרבילדלעכן און אויסשפּילן געפילן, איבערלעבונגען, סיטואַציעס. נאָר עס קומט אויך אין איר צום אויסדרוק אַ פּאָעטישע אינטואיציע, אַן אופן פון פילן און באַנעמען די וועלט, וואָס איז אַזוי זעלטן אין אונדזער צייט. אין לוצקיס ליריק קומען צום אויסדרוק געפילן, אַנונגען, וועלונגען, גאַרונגען און דערקענטענישן, וואָס זיינען אַזוי אַלט ווי די וועלט און וואָס זיינען עד-היום דער פונדאַמענט פון יעדער עכטער פּאָעזיע. דאָס איז אַ ליריק, נוצנדיק לוצקיס ווערטער, פון „וועלן ווערן" פון „איבערפלוס" פון „ווערן פאַרצערט פון וועלן ווערן". אַזאַ פּאָעזיע איז אָרגאַניש, איז דערפילונג. לוצקי פילט דאָס שאַפן פון אַ ליד ממש ווי אַ פיזישן אַקט. ער פילט עס, ווי ער זאָגט, אין די „גלידער, וואָס קניִען און בעטן זיך און אין די גלידער, וואָס ציִען זיך און מאָנען".

אינדיווידועל, ווי לוצקיס ליריק זאָל ניט זיין, איז זי ניט איכיש, ניט איזאָלירט פון דער וועלט. פאַרקערט, זי קוועלט אַרויס פון זיין אחדות מיט

דער וועלט. ער איז געווען איינס מיט אַלע לעבעדיקע און ניט־לעבעדיקע זאַכן. ער האָט געפילט זייער „שטומען צער“. ער פלעגט ווערן „אומעטיק מיט אַלע אומעטיקע זאַכן פאַרנאַכט“ און מיט אַלע לעבעדיקע קוואַליקע וואַסערן איז ער געלאָפן איבער דער וועלט, „געלאָפן מיט זון, מיט לבנה, מיט פינצטערניש“.

זיין אחדות מיט דער וועלט איז אָבער געווען ניט נאָר אין שטח, נאָר אויך אין צייט. ער איז געווען איינס ניט נאָר מיט דער וועלט, וואָס איז דאָ, נאָר אויך מיט דער וועלט, וואָס איז געווען. ער איז געווען איינס מיט דער וועלט פון איידער־בראשית, פונקט אַזוי גוט ווי מיט דער וועלט פון „בראשית אין מיטן“, ווי עס הייסט זיינס אַ בוך לידער. ער אַליין האָט דאָס געפיל פון איידער־בראשית, אַזוי כאַראַקטעריזירט: „איך בין דער ווייט־פאַרצייטיקער; איך בין איינער פון די מינים פיזיאָנאָמען, לאַנג נאָך איידער עס האָט זיך באַוויזן דער ערשטער אדם. איך בין נאָך אַ פריערער, נאָך אַ פאַרגאַפטערער“.

אין דער דאָזיקער פאַרצייטיקער פאַרגאַפטקייט דערגרייכט לוצקי צום סאַמע בראשית פון דעם מענטשנס רעאַגירן אויף דער וועלט און אירע דערשיינונגען. לוצקי האָט זיין אייגענעם פרימיטיוון מיטאָס, וואָס ווייעט מיט אוראַלטער שרעק, ערפורכט און אָוונטיקער פאַרלוירנקייט. ער שטוינט און ער גאַפט און האָט מורא. „ווער איז דער ניגון, איך האָב פאַר אים מורא“, זאָגט ער אין איינעם פון זיינע לירישע לידער. קיינער האָט אַזוי ניט געוואָלט לעבן און האָט אַזוי ניט מורא געהאַט פאַרן טויט, ווי לוצקי.

מורא אין איר אוראַלטער, אינסטינקטיווער אימפולסיווקייט און פאַרלוירנקייט, ווי ביי אדם הראשון פון דער אגדתא ביים ערשטן זונענפאַרגאַנג; די מיסטישע אדם־הקדמון שרעק, אַז מיטן אָנקום פון נאַכט הויערט די סכנה, אַז די וועלט זאָל זיך צוריקציִען צו איר פאַר־בראשיתדיקן תוהו־ובוהו; דאָס צוזאַמען מיט דער ממש פיזיאָלאָגישער פרייד און ליכטיקער געפיל־אָנקוועלונג ביי יעדן זון־אויפשטראַל, ביי יעדן לעבן־אויפשפראָץ, זיינען די סאַמע שעפערישסטע סטימולן פון לוצקיס ליריק.

ער איז שטענדיק אָנגעשפיצט, דיכטעריש אָנגעסטראָיעט. ער הערט און פאַרנעמט, שטוינט, גאַפט און הערט ניט אויף צו וואַריריאירן מיט פאַרשיידענע באַדינגונגען און באַזונגונגען זיין קלוג־תמימותדיקן, נאַאיוו־וויסיקן „טאַקע“, ווי עס הייסט איינס פון זיינע ליריש־פילאָזאָפישע לידער.

צוזאַמען אָבער מיט די „ווילדע ווייטן פון דעם רעש פון צייטן“ פון דעם אדם־הקדמון האָט ער אויך געהערט דעם ניגון פון דעם אדם־המעלה, דעם ניגון, וואָס ווי ער זאָגט אין אַ ליד מיט דעם זעלבן נאָמען, האָט זיך צו אים געצויגן „מיט דער דינקייט פון ווייטן, מיט ווייטן פאַרלויף פון פאַרשוויגן“.

לוצקי האָט דעם ניגון געהערט פון אומעטום; פון דעם „ים דעם תהומיקן, דעם רוימיקן, דעם שוימיקן“ פון די דערשראָקענע שילדן אויף דער גאַס, פון אַ פאַפיר וואָס וויל באַגיין זעלבסטמאָרד, פון די גראָזן אין פעלד, פון דעם רבינס הויז וואָס זאָגט תורה, פון דעם רעגן וואָס פאַלט אויף דעכער, פון דער „אָפענער“ זאַנגען־ישיבה; דער דאָזיקער ניגון, וואָס איז פאַר לוצקין נאָך געווען וויכטיקער ווי דאָס וואָרט, ווייל ווי זאָגט ער, עס

איז נישט אַזוי דאָס לערנען ווי דער ניגון און דאָס וויגן זיך ביים לערנען, וואָס זיינען וויכטיק — אַט דער דאָזיקער קאָסמישער ניגון איז דער סוד פון לוצקיס „ליכטיקע עלנטן און לויטערע אומעטן".

ניגון איז עפּעס וואָס ציט זיך, הייבט זיך, דערהייבט זיך, באַוועגט און מאָדולירט דאָס וואָרט. אויב שטוינונג, גאַפונג, ערפורכט און באַוואונדערונג זיינען די סטימולן פון לוצקיס ליד, איז די נשמה פון זיין ליד דער ניגון און קוואַליקע ריטמיק.

לוצקיס ריטמיק איז די סאַמע נייעסטע און פריסטע אין דער יידישער פּאָעזיע. זי האָט אין זיך פיל פון קערפּערלעכער באַוועגונג, פון מימיק, פון טאַנץ. לוצקיס ליד איז אָפט דער אַפּאָטעאָז פון באַוועגונג און באַוועגלעכקייט. דאָרט ווי לוצקי האָט ניט געפונען קיין באַוועגונג דאָרט האָט ער זי אימפּראָוויזירט. דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס געווען דער סוד פון זיין קענען באַלעבן די „טויטע נאַטור". ער לעבט-אויף אַ ניט-לעבעדיקע זאַך דורך אַריינוויקלען זי אין דעם ריטם פון זיין טאַנצנדיקן, שפּרינגענדיקן, אַנאָמעטאָפּעאישן וואָרט. כ׳מיין אַזאַ וואָרט, וואָס מיט זיין קלאַנג סוגעסטירט עס די זאַך, וואָס עס באַצייכנט.

ביי לוצקין שילדערן, אָדער אימפּראָוויזירן אַ זאַך האָט געמיינט ניט אַזוי זיך צו פאַרוואַנדלען אין דער זאַך, ווי די זאַך פאַרוואַנדלען אין זיך. ער האָט אַ זאַך ניט אַזוי געמאָלן, ווי זי אויסגעשפּילט, אויסגעזשעסטיקולירט מיט זיין וואָרט-מימיק — אין ליד, אַזוי גוט ווי אויף דער בינע. ווען לוצקי האָט געשילדערט אַ בוים, למשל, איז דאָ ניט געווען אַזוי אַ געמעל, ווי אַ טאַנץ. ער האָט אָנגעמאָסטן אַ בוים אויף זיין ריטמיש, טאַנצנדיקער פיגור און עס איז געוואָרן אַ לוצקי-בוים, אַ בוים אַ פילאָזאָף און אַ ליריקער.

דער בעסטער מוסטער פון דער דאָזיקער לוצקישער ריטימיק, מימיק, וואָרט-רוישיקייט און באַוועגלעכקייט איז זיין באַרימט ליד „וואַסערן", וועגן וועלכן אונדזער גרויסער דיכטער, איציק מאַנגער, אים צו לאַנגע יאָר, האָט געזאָגט, אַז פון זיי, פון לוצקיס „וואַסערן", איז ער געוואָרן שטאַרקער שיכור ווי פון אַלע ווייַנען, וואָס ער האָט ווען געטרונקען.

ס׳איז גאָר ניטאָ קיין ווערטער אויסצודריקן דעם צער וואָס האָט אונדז אַלעמען אַרומגעכאַפּט מיט לוצקיס אַוועקגיין. מיט אַלע זיינע קאַפּריזן און שוואַכקייטן, האָבן מיר אים אַלע שטאַרק ליב געהאַט. לוצקיס טויט איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר אונדזער ליטעראַטור. נאָר די ליטעראַטור קען זיך טרייסטן מיט דער גרויסער צאָל וואונדערלעכע לידער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט. אָבער זיינע קאָלעגן, וואָס זיינען מיט אים געווען נאָענט, זיך מיט אים כמעט טעגלעך געטראָפן, האָבן לוצקין פאַרלוירן אויף אייביק. ער איז, אויסער זיין ליד, געווען אַ מערקווירדיקער קינסטלער. זיצן מיט אים ביי אַ טיש איז אָפט געווען אַ זעלטענער פאַרגעניגן. לוצקין דעם אימפּראָוויזאַטאָר, וואָס האָט מיט אַזוי פיל הומאָר און חכמה פאַרגעשטעלט מענטשן און זאַכן, וועלן מיר שוין קיינמאָל ניט זען און ניט הערן; פאַר דער פרייד וואָס ער האָט אונדז פאַרשאַפט, פאַר דעם געלעכטער, וואָס ער האָט ביי אונדז אַרויסגערופן, וועלן מיר אים אָבער אייביק דערמאָנען מיט ליבשאַפט.

כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק!